Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

Najer Folksblat פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

| Nr. 45/1340 | Łódź, Wtorek 21 lutego 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג ל׳ שבט תרפ״ח | Nr. 45/1340 |
|---|---|---|---|---|

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 71-24.

Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471.

# ליטווישער ענטפער אויף דער פוילישער נאטע.

# געפונען פלאסטען פון שטיין-קוילען ביי קאלושקי.

## ליטווישער ענטפער

### איבערגעגעבען דעם פוילישען באטשאפטער אין ריגע.

ר י ג א, 20. (ספ. טעל.) ווי מ׳טיילט מיט, זאל דער ליטווישער באטשאפטער אין ריגא איבערגעבען דעם פוילישען פארשטעהער אין ריגא דעם ענטפער פון דער ליטווישער רעגירונג אויף דער לעצטער פוילישער נאטע.

דער אינהאלט פון נייעם ליטווישען ענטפער איז נאך נישט בעקאנט און וועט ערשט פערעפענטליכט ווערען ווען ער וועט אנקומען קיין ווארשא.

## סאציאליסטישער זיג ביי די שטאט-ראט-וואהלען אין האמבורג.

ב ע ר ל י ן 20 (ספ. טעל.) נעכטען זענען אין האמבורג פארגעקומען וואהלען צום שטאט-ראט, אין די וואהלען האבען זיך בעטייליגט ביז 80 פראצענט. אין 400 וואהל קרייזען פון די 621 האבען די סאציאליסטען דערהאלטען 137,048 שטימען, די נאציאנאליסטען—52,343 שטימען, קאמוניסטען – 65,800, דעמאקראטען—49,726 די דייטשע פאלקס-פארטיי 45,425, די היטלעראווצעס – 8.428 שטימען.

## אנ׳אויפשטאנד אין אויסטראליען

### ארויסגעשיקט 2 קרייצער-שיפען מיט מיליטער נעגען די אויפשטענדיגע.

ל א נ ד א ן, 20 (ספ. טעל.) אויפ׳ן אינזעל סאמאא האט אויסגעבראכען אנ׳אויפשטאנד. דער ענגלישער גענעראל-גובערנאטאר פון ניי-זעלאנד האט דורך פונקען-דעפעשען געפאדערט הילף, ווייל ער איז נישט בכח אויפצוהאלטען די ארדנונג אין ניי-זעלאנד.

די רגעירונג פון אויטטראליען האט ארויסגעשיקט 2 קרייצערס מיט מיליטער צום פארט אפיא אויפ׳ן אינזעל סאמאא.

## פערענדיגט דער סענסאציאנעלער פראצעס אין דייטשלאנד.

### פאוועל קראנץ אנערקענט פאר אונשולדיג.

ב ע ר ל י ן, 20 (אטע) דער סענסאציאנעלער פראצעס פונ׳ם דייטשען שילער פאוועל קראנץ און דער שילערין שעלער איז היינט פערענדיגט געווארען. קראנץ איז אנערקענט געווארען אלס אונשולדיג.

די מיינונג פון די עקספערטען וועגען דער שולד פון פאול קראנץ האט זיך געטיילט.

די עקספערטען מאכרענהאלץ און קראמער האבען זיך ארויסגעזאגט געגען פאול קראנץ; די עקספערטען האדאן, גאלדבעק, וועגשיידער און הירשפעלד האבען זיך ארויסגעזאגט לטובת דעם אנגעקלאגטען.

די אנשויאונג, אז פאול קראנץ איז א פסיכאפאט, איז פון אלע עקספערטען אבגעלייקענט געווארען. פאול קראנץ איז א געזונדער מענש, וואס האט זיך געפונען אין א צושטאנד פון שכרות.

דאס געריכט האט אנערקענט, אז ער איז געווען א פאסיווער מיטהעלפער פון סטעפאן און איז פעראור טיילט געווארען אויף 3 וואכען ארעסט פאר טראגען געוועהר אהן אנ׳ערלויבניש.

דאס פובליקום האט דעם אורטייל אויפגענומען מיט אפלאדיסמענטען.

## לובאוויטשער רבי אנגעקומען קיין ווארשא.

ו א ר ש א, 20 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). היינט 6,50 איינדערפריה איז אנגעקומען דער לובאוויטשער רבי. נישט קוקענדיג אויף דער פינסטערניש האט זיך נאך מיט א שעה פריהער אויפ׳ן וואקזאל צוזאמענגעקליבען א גרויסע צאהל חסידים. די פאליציי האט געהיט די ארדנונג. ווען דער צוג איז אנגעקומען האט א גרופע בחורים פון דער ישיבה „תומכי תמימים" געבילדעט א קייט. דער רבי מיט זיין איידעם ר׳ שמריה נור אריה, זיין טאכטער, וואס בעגלייט איהם אין וועג און אייניגע מקורבים זענען אין אויטאמאבילען אוועקגעפאהרען אויף נאלעווקי 7, וואו זיי האבען זיך אבגעשטעלט ביי א חסיד גורעוויטש. דארט האט דער רבי אויפגענומען די חסידים און זיי געגעבען שלום. די פרעסע-פארשטעהער האט דער רבי געגעבען שלום. דעם רבי׳נס מקורבים האבען פאר די פרעסע-פארשטעהער איבערגעגעבען פיל פרטים פונ׳ם יודישען לעבען אין רוסלאנד.

א גרופע חסידים זענען ארויסגעפאהרען מקבל פנים זיין דעם רבי׳ן צו דער גרעניץ. אויף די סטאציעס וואו דער רבי איז דורכגעפאהרען האט מען איהם געמאכט א קבלת פנים. בפרט אנ׳אימפאזאנטען קבלת פנים האט מען דעם רבי׳ן איינגעארדענט אויפ׳ן ווילנער וואקזאל, געכטען אין אווענד.

## געפונען א מיטעל צו היילען קרעץ.

ל א נ ד א ן, 20 (אטע) די ענגלישע געלערנטע איז געלונגען צו געפינען א מיטעל געגען קרעץ. די דאקטוירים האלטען, אז דאס מיטעל וועט מאכען אנ׳איבערקעהרעניש אינ׳ם קאמף מיט די צרעת, אויף וועלכער ס׳ליידען איצט איבער 4 מיליאן מענשען. דאס היילמיטעל איז אנ׳עקסטראקט פון א בוים, וואס וואקסט אין די טראפישע לענדער.

4 שטימט פאר׳ן בונד

דעם 24-טען פעברואר ד. י., 7 א זייגער אינאווענט קומט פאר אין זאל פון קינא „אימפעריאל" (זאוואדזקע, רוג זאכאדניע)

א פייערליכער

פרייטיק,

# קאנצערט=וואל=מיטינג

לאדזשער וואל-קאמיטעט פון בונד

וואל-ביוראס: פאלודניאווע 20, פאמארסקא 18.

פאר די מיטגלידער פון די פראפעסיאנעלע פעריינען מיט זייערע וואל-בערעכטיקטע פאמיליען-מיטגלידער.

ארויסטרעטען וועלען די ח״ח: דער ערשטער סיים = קאנדידאט

ה. ערליך

(ווארשע), ערשטער סיים=קאנדידאט אין לאדזש — ראטמאן

י. ליכטנשטיין

אין קאנצערט=טייל וועט אנטיילנעמען דער סימפאנישער ארקעסטער.

און פארשטייער פון אלע פראפ. פעריינען.

בילעטען צום פרייז פון 30 גר. שוין צו באקומען אין די וואל-ביוראס פאלודניאווע 20 און פאמארסקא 18 און אין די פראפ. פעריינען, ווסכאדניע 70. 265

4 שטימט פאר׳ן בונד

33

אלגעמ. יודיש-נאציאנ. וואהל=בלאק

צום סיים און סענאט אין לאדז, מאניושקי 5.

מארגען, מיטוואך, דעם 22. פעברואר ד. י. 1 א זייגער בייטאג קומט פאר אויף מאניושקי 5

# א גרויסע וואהל=קאנפערענץ

פון גאנצען לאדזער קרייז, צו וועלכער עס דארפען קומען פארשטעהער פון די וואהל-קאמיטעטען אין ברזשעזשין, לוטאמירסק, קאנסטאנטינאוו, אלעקסאנדראוו, זגיערזש, פאביאניץ, טושין, קאלושקי, לאסק, יעזשוב, גלאוונא, סטריקאוו א. אנד. 266

33

# די ראדזימינער חסידים

33 דפה לאדז 33

האבען אנגענומען א בעשלוס צו שטימען ביי די וואהלען צום סיים און סענאט פאר דער ליסטע

פון אלגעמ. יודישען

# נאציאנאלען בלאק №33

257

Dr. med.
A. Szmirgeld
נערווען-ארצט
עלעקטריזאציעס, ליכטהייל-שפריטצען
Cegielniana 6, tel. 51-89
(מפענגט פון 5—7 אוונד)
הייל-פעדאגאגישע קורסען
פאר שוואכבעפעהיגטע, שווער-ערציהבארע קינדער. שפראך-שטערונגען (שטאמלען, לישפען)

פרייז 2 זל. שנעל און רעילע! פרייז 2 זל.

רעכטס=קאנסולענטען = ביורא

„פאראדא"-„PORADA"

10 פיעטריקאווער 10

אונטער לייטונג פון א לאנגיעהריגען רוטינירטען געריכט-סע רעטאר שרייבט אלערליי ביטען און אפעלאציעס, קלאוזולעס און זאבעזפיעטשעניעס, אינפארמירט און שרייבט אין אלערליי מיליטער-ענינים. אויך איבערזעצונגען אין פרעמדע שפראכען. 258

